# רבי אביגדור ענטפערט...

שאלות פונעם המון עם אין אלע ענינים פון יהדות, השקפה, עצות, און נאך, וואס זענען געענטפערט געווארן דורך

**הגה"צ חכימא דיהודאי, הרב**
**רבי אביגדור מיללער זצ"ל**

ביי די בארימטע ליל שישי שיעורים



בהעלותך
תש"פ לפ"ק
גליון קכ"ג

## פראגע

**ס'איז דא א גמרא וואס זאגט אז די גאנצע תורה ווערט אויסגעלערנט פאר א קינד בעפאר ער ווערט געבוירן. מיין שאלה איז, וואס טוט זיך מיט א מיידל, לערנט זי אויך די תורה?**

## ענטפער:

און דער ענטפער איז אז זי ווערט אויסגעלערנט **די תורה פון מיידלעך**. ס'איז דא א גרויסע תורה פאר א מיידל צו לערנען, א אויסטערלישע תורה. א מיידל לערנט טאקע נישט די טעכנישע דעטאלן פון די תורה וואס זענען נישט **למעשה** אבער די זאכן וואס זי דארף וויסן זענען ענדלאז. זי דארף וויסן די תורה פון גוטע מדות; מדות טובות איז א געוואלדיגע נושא. די תורה פון אמונה און דעת השם איז אן ענדלאזע נושא.

איר ווייסט, די מלאכים ענדיגן קיינמאל נישט צו לויבן דעם אויבערשטן: "תמיד מספרים כבוד קל" – זיי רעדן אייביג איבער די כבוד פונעם אויבערשטן. יעצט מלאכים האבן זייער גוטע קעפ; אין איין מינוט קענען זיי זען מער ווי מיר קענען זען אין אונזער גאנצער לעבן. און זיי זענען אלעמאל פארנומען צו רעדן וועגן די כבוד פון השי"ת! זיי לויפן קיינמאל נישט אויס פון וואס צו זאגן! דאס איז עפעס וואס יעדער איינער דארף שטודירן. מענער און פרויען דארפן וויסן אז איינס פון די וויכטיגסטע אויפגאבעס פון זייער לעבן איז צו זען דעם אויבערשטן אין דער וועלט. עס איז דא אזויפיל וואס צו לערנען דערוועגן; אזויפיל צו שטודירן.

אסאך זאכן דארפן פרויען לערנען. ווי דער גר"א פלעגט צו זאגן צו זיינע טעכטער; ער האט זיי געזאגט אז זיי זאלן לערנען מוסר ספרים – אלע מוסר ספרים זענען געמאכט פאר מיידלעך.

און דעריבער, אויב א מיידל לערנט די אלע זאכן איז זי א **גאון**; זי ווערט פארערכנט פונקט ווי זי וואלט געווארן א גדול הדור; זי האט געלערנט איר תורה, זי האט דערגרייכט סוקסעס. און דערפאר, אודאי ווערט די תורה געלערנט פאר מיידלעך פונקט ווי פאר אינגלעך, יעדער פון זיי לויט וואס ער אדער זי דארף צו וויסן. (E-182)

## פראגע

**איז עפעס שלעכט אז די שווארצע געמיינדע שטרעבט פאר גלייכבארעכטיגונג? האבן מיר אידן נישט פרובירט צו טון די זעלבע?**

## ענטפער:

ניין, עס איז גארנישט שלעכט דערמיט בכלל. די אפריקאנער אמעריקאנער האבן די רעכט צו שטרעבן פאר גלייכבארעכטיגונג. ס'איז נישט קיין פראגע אז יעדער איינער האט א רעכט צו מאכן בעסער זיך און זייער פלאץ אין געזעלשאפט. אונזער טענה איז נאר אז דו מוזט מאכן די השתדלות פאר גלייכבארעכטיגונג דורך לעגאלע וועגן – נישט דורך כח און געוואלד. מיר אידן, סיי-וואס מיר האבן באקומען איז נישט געקומען דורכ'ן באצווינגען. עס איז נישט געקומען דורכ'ן פארברענען שטעט.

און מיר האבן אויך נישט פארלאנגט קיין פריוויליגיעס. די מערסטע וואס מיר האבן געוואלט איז גלייכבארעכטיגונג. אבער צו

פארלאנגען פריוויליגיעס מער ווי די איבריגע חלק פון די באפעלקערונג, איז אונז קיינמאל נישט בייגעפאלן. "אפערמאטיוו עקשאן"?! דאס איז א שיין-קלינגעדיגע נאמען פון א פאליסי וואס ווערט גענוצט צו קאמופלאזשירן א באוועגונג וואס איז געצילט צו געבן פריוויליגיעס פאר זיי מער ווי פאר אנדערע.

אפערמאטיוו עקשאן מיינט צו געבן זשאבס און אנדערע פריוויליגיעס בלויז פאר זיי – אפילו ווען עס מיינט דיסקרימינירן קעגן מער קוואליפיצירטע מענטשן. און אפענע איינטריט צו שולע מיינט צו ערלויבן סיי-וועם אריינצוקומען, אפילו דער מענטש איז נישט קוואליפיצירט. און דער קוואליפיצירטער מענטש פאלט ארויס. אזעלכע זאכן איז גענצליך אומ'יושר.

און דאס איז וואס ס'איז שלעכט מיט די יעצטיגע גערעגנגל. די פאליטיקאנטן וועלכע שטיצן די אומ'יושר'דיגע און שלעכטע פאליסיס כדי צו באפרידיגן די וועלכע פארברענען שטעט זענען א סכנה פאר אונז אלע. (62)

## פראגע

**מיר האבן א חיוב ליב צו האבן השי"ת און ליב צו האבן אנדערע אידן. ווען דארפן מיר מער ליב האבן?**

## ענטפער:

מען דארף ליב האבן הקדוש ברוך הוא **מיט'ן גאנצן הארץ**, און דאס לאזט נישט איבער קיין פלאץ פאר סיי-וועלכע קאנקורענץ. נאר דער אויבערשטער זאגט אז דו דארפסט אים פאלגן און ליב האבן אנדערע אידן. און דורכ'ן טון דאס האסטו ליב דעם אויבערשטן. א חלק פון ליב האבן דעם אויבערשטן איז צו ליב האבן אנדערע אידן. אבער אויב א מענטש פארגעסט וועגן דעם אויבערשטן און ער מיינט אז ער וועט זיך קאנצענטרירן מיט זיין גאנצן הארץ ליב צו האבן אידן, דער מענטש פארפאטשקעט זיין לעבן.

עס איז א געוואלדיגע זאך ליב צו האבן אידן – אבער דאס איז נאר אויב דו טוסט עס אלס עבודת השם. אויב דו טוסט עס ווייל דו האסט ליב דעם אויבערשטן, דעמאלטס לעבסטו מיט הצלחה.

און דערפאר איז נישט קיין פראגע אז דער ענטפער איז: "ואהבת את השם אלקיך בכל לבבך" – דו דארפסט ליב האבן השי"ת מיט דיין גאנצן הארץ, און דאס מיינט אז עס איז נישטא קיין פלאץ פאר אנדערע זאכן.

דער חפץ חיים – דערציילט מען – איז געווען זייער א פריינדליכער מענטש. ער איז ארויס פון זיין וועג צו העלפן מענטשן. אבער ער איז נישט געווען אויסגעצייכנט אין איינלאדענען מענטשן צו זיין הויז. ער פלעגט העלפן מענטשן טרעפן פלעצער זיך אויפצוהאלטן. ער פלעגט באצאלן געלט זיי אויסצוהאלטן ווען זיי האבן באזוכט אין זיין שטעטל. ער האט באצאלט פאר הכנסת אורחים, פאר זייער עסן. אבער אריינצונעמען מענטשן אין זיין הויז, דאס האט ער נישט צופיל געטון – מיט דעם איז ער נישט געווען אזוי ברייטהארציג.

און איינער האט ערקלערט אז דאס איז געווען ווייל ער האט נישט געוואלט צעטיילן זיין געטריישאפט וואס ער האט געהאט צום באשעפער. ער האט נישט געקענט זיין א נאנטער פריינד; ער האט נישט געקענט זיצן ביינאכט און שמועסן מיט זיינע געסט. ער פלעגט אויסנוצן זיין צייט צו לערנען תורה אדער אפילו צו מאכן התבודדות מיט הקדוש ברוך הוא.

ער איז געווען א מענטש וואס האט ליב געהאט דעם אויבערשטן, דעריבער האט ער נישט געקענט גרינגערהייט מיטטיילן זיין צייט מיט אנדערע מענטשן. איז טראצדעם וואס זיין הארץ איז געווען אין גמילת חסדים – ער איז געווען פארמישט אין אויסהאלטן הכנסת אורחים'ס איבעראל. ער איז געווען פארנומען צו העלפן ארימע כלה'ס, ארימע ישיבה בחורים. ער האט געגעבן עצות פאר יעדן; ער איז געווען גרייט פאר די נויטבאדערפיגע. ער האט געטון אלע גוטע זאכן וואס מ'קען זיך נאר פארשטעלן. אבער ער האט עס געטון ווייל ער האט ליב געהאט השי"ת. און וועגן דעם האט ער נישט געשפענדעט מער צייט ווי עס האט זיך אויסגעפעלט מיט אנדערע מענטשן; אויב האט ער געקענט פארמיידן פון פארברענגען מיט אנדערע מענטשן, האט ער עס געטון. ווייל דאס האט געקענט פארמינערן זיין געטריישאפט, זיין איבערגעגעבנקייט, זיין קשר צו השי"ת. און בכלל לבבך מיינט מיט דיין גאנצן הארץ, אנעם עס איינטיילן פאר אנדערע. (555)

די שאלות ותשובות זענען איבערגעטייטשט געווארן אויף אידיש לזכות את הרבים. צו באקומען טעגליך אין אימעיל די ארגינעלע שו"ת (ענגליש), און סוף וואך א פולע שמועס אויף די פרשה, שיקט א פארלאנג צו Signup@TorasAvigdor.org, אדער גייט צו torasavigdor.org. צו באקומען א שו"ת וועכנטליך דורך תלמידו הרב אברהם טיקאצקי שליט"א, שיקט א פארלאנג צו tikotzky@gmail.com
.Simchas Hachaim Publishing (SHP) is the official publisher of Rabbi Avigdor Miller's books and lectures
SHP is a project of Yeshiva Gedolah Bais Yisroel. Visit us at simchashachaim.com

# אין אלע ספרים געשעפטן!




אידיש!

## הונדערטער פראגעס און ענטפערס

### אין אלע תחומי החיים לויט די ריינע תורה השקפה
### צוזאמגענומען אין איין באנד

פאר גרעסערע באשטעלונגען, האלסעיל און מוסדות התורה, רופט: 845-625-2973

# שרייבט אייך איין צו באקומען די הערליכע גליונות קונטרסים
# וועכענטליך אויף אימעיל




**בריליאנטענע און אייגנארטיגע גליונות קונטריסים, היימיש און געשמאק**

**זיך איינצושרייבן רופט מערכת להתענג: 845-662-2782**

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

# באשיינט אייער
# שמחה,
# שבת התוועדות

- סידורים
- חומשים
- זמירות
- גליונות

קאסטום לויט אייער געשמאק










צו באשטעלן רופט:

## מערכת להתענג 845-662-2782

אדער שיקט אן אימעיל צו Lehisaneg@Lehisaneg.com

בס"ד

די דאזיגע גליון ערשיינט וועכנטליך אין די הערליכע קונטרסים

# עונג שבת/גוט שבת שע"י מערכת להתענג

צו באקומען די קונטריסים אויף אימעיל פאר בלויז $1 א וואך קליקט אויפן פאלגענדע לינק

http://goo.gl/forms/S8OzcjI4K1

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

(אויף אונזער אימעיל ליסטע ווי אויך אויף לדעת, ערשיינט די גליון מיט צוויי וואכן אפגערוקט)

כל טוב